# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת כי תבא | שנת תשע"א לפ"ק

## מילי דחסידא

**תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה:**

מורי ז"ל מפרשיסחא אמר מכל עבירות שבא על ידם כל התוכחות, לא כתבה התורה אלא עבירה זו **תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה**, שמע מינה שזו היא עבירה גדולה מאד (מי דעת)

## דרש דרש

**ושמחת בכל הטוב:** דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק אין טוב אלא תורה, לפיכך משה מזהיר לישראל עשר תעשר, דארף מען פארשטיין דעם שייכות צווישן די זאכן.

נאר אין ספר **שליחות אלי'** ברענגט ער א תירוץ לויט די מפרשים וואס טייטשן דעם פסוק **לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי**, ווייל די גמרא זאגט אין מס' הוריות אז ווען איינער עסט די שיריים פון א מייז איז דאס קשה לשכחה, אז מ'קען פארגעסן דאס לערנען. און עס איז ידוע וואס דער מדרש זאגט אז ווען איינער נעמט נישט אראפ קיין מעשר קומען די מייז און עסן אויף זיין תבואה.

קומט אויס אז דאס זאגט דער פסוק **לא עברתי ממצותיך**, איך האב יא גענומען מעשר, ממילא **ולא שכחתי** האב איך נישט פארגעסן דאס לערנען, ווייל די מייז זענען נישט געקומען עסן פון די תבואה.

דאס איז פשט אין דעם מדרש, **ושמחת בכל הטוב אין טוב אלא תורה**, קומט אויס אז מ'פריידט זיך מיט די תורה וואס מ'האט געלערנט, איי אפשר וועט מען ח"ו פארגעסן וואס מ'האט געלערנט, אויף דעם זאגט ווייטער דער מדרש די עצה אז מ'זאל נישט פארגעסן דאס לערנען, **לפיכך מזהיר משה עשר תעשר**, אז מ'וועט אראפנעמען מעשר דארף מען זיך נישט זארגן אז די מייז וועלן קומען עסן די תבואה, און מ'וועט זיך ווייטער קענען פרייען מיט די תורה.

*

**מדרש ושמחת בכל הטוב אין טוב אלא תורה לפיכך משה מזהיר את ישראל עשר תעשר עשר בשביל שתתעשר:**

מרן רביה"ק זי"ע אין דברי יואל פארענטפערט דעם מדרש מיט די גמרא (ע"ז ד' ע"ב) **א"ר יוסף אל יתפלל אדם תפילת המוספין בר"ה בג' שעות הראשונות**, זאגט דער מהרש"א דעם טעם ווייל אין די ערשטע דריי שעה איז הקב"ה עוסק בתורה, און וויבאלד עפ"י תורה איז מען נוטה צו מידת הדין, מילא קען השי"ת נישט טון לפנים משורת הדין.

## מעשה רב

### ולא שכחתי

אין ספר **ומשה היה רועה** (ח"א) ווערט געברענגט וואס דער **רבי בעל ברך משה** זי"ע האט דערציילט אז עס איז אמאל געווען א שווערע תקופה ווען מען האט אסאך געליטן פון מייז, און אסאך אידישע פרנסות זענען צוגרונד געגאנגען. דער **עצי חיים** זי"ע איז געווען באקאנט מיטן העלפן אידן וואס האבן זיך געוואנדן צו אים אז זיי ליידן שטארק פון מייז. און זיינע ברכות האבן אימער געהאלפן וואונדערליך.

איינמאל פרייטאג צונאכטס ווען דער **עצי חיים** איז אהיימגעקומען נאכן דאווענען מעוטף בטליתו און זיינע צוויי הייליגע קינדער **רבי זלמן לייב** און דער **רבי בעל ברך משה** זענען געגאנגען ביי ביידע זייטן אביסל פאראויס. ווי נאר זיי האבן געעפענט די טיר פון הויז האבן זיי געזעהן צוויי גרויסע עכברים, און זיי האבן זיך זייער דערשראקן און זיי זענען צוריק געשפרונגען אויף צוריק.

דער **עצי חיים** איז געבליבן שטיין אויף זיין ארט און מצמצם געווען זיינע הייליגע געדאנקען, און דאן האט ער זיך אנגערופן אויפן זידיטשובער נוסח התפילה **"עכברים איז דא גענוג!"**.

ביי א געלעגענהייט האט דער רבי אויסגעפירט די מעשה "אין יענע מינוט וואס דער טאטע האט דאס געזאגט זענען די מייז פארשוואונדן געווארן באופן פלא. פון יענעם טאג און ווייטער האט מען מער ביי אונז אין שטוב נישט געזעהן קיין מייז".

אין א שמועס האט **רביה"ק בעל דברי יואל** זי"ע געזאגט א טעם פארוואס דער **עצי חיים** האט געהאט אזא געוואלדיגן כח צו פארטרייבן עכברים, ווייל די גמרא זאגט אין מס' הוריות (דף י"ג ע"א) **האוכל ממה שעכבר אוכל משכח תלמודו**, קומט אויס אז עכברים האבן שייכות מיט שכחה, און וויבאלד ביים עצ"ח האט נישט עקזיסטירט קיין שכחה, כידוע זיין וואונדערליכן זכרון אז ער האט קיינמאל גארנישט פארגעסן, האט ער געהאט אזא כח קעגן מייז. (רבינו אמר זאת להנגיד ר' געציל בערגער ע"ה, מפי הרב ר' נח גפן שליט"א שו"ב)

די גמרא זאגט אבער אז ווען א איד זיצט און לערנט תורה איז כביכול די שכינה קעגן אים, איי לכאורה איז דאך יצא שכרו בהפסדו ווייל ווען די שכינה איז קעגן אים און לערנט מיט אים איז דאך אלעס על פי דין, און דער אייבערשטער וועט נישט קענען גיין מיט אים לפנים משורת הדין. עס איז אבער דא אן עצה אז די וועלט זאל האבן א קיום אפילו מיט מידת הדין, ווייל דורכדעם וואס אידן טוען צדקה און גמילות חסדים איינער מיטן צווייטן דאס איז מעורר רחמים אויף אידישע קינדער, און עס איז אפילו מהפך מידת הרוגז לרחמים.

דאס זאגט דער מדרש **ושמחת בכל הטוב אין טוב אלא תורה**, איי וועסטו פרעגן עס איז דאך יצא שכרו בהפסדו, ווייל השי"ת וועט מוזן גיין מיט אים מיט מידת הדין, ווייל די תורה איז מידת הדין, וועגן דעם פירט אויס דער מדרש **לפיכך משה מזהיר את ישראל עשר תעשר**, און אז מ'וועט געבן צדקה וועט זיין מידת הרחמים אויף כלל ישראל.

## מילי דרמיזא

**במדרש ובאו עליך כל הקללות האלה והשיגוך, הה"ד רבות רעות צדיק ומכולם יצילנו ד':**

זאגט דער **רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זצ"ל** אז די פרשה פון די קללות האט **תרע"ו (676)** ווערטער אזוי עס באטרעפט **רעות**, קעגן דעם איז דא כ"ו מאל דער שם **הוי"ה** הק' וואס באטרעפט אויך אזוי ווי רעות. אזוי קען מען איבערדרייען פון א קללה צו א ברכה.

דאס זאגט דער מדרש **רבות רעות צדיק**, אין די פרשה איז דא אסאך קללות כמנין **רעות** אבער **ומכולם יצילנו ה'**, אז דער שם **הוי"ה** וואס שטייט אין די פרשה וואס באטרעפט אויך דעם מספר טוט אים ראטעווען פון די אלע קללות.

# בפרדס החודש

## תקיעת שופר בחודש אלול (ב)

א הסבר אויף דעם חילוק צווישן די ספרדים און אשכנזים שטייט אין שו"ת **לחם שלמה** (מהד"ת או"ח סי' פ') פון **הגה"ק רבי שלמה זלמן עהרנרייך זצ"ל** דער **שימלויער רב**, וויבאלד ביי די ספרדים איז איינגעפירט צו זאגן סליחות גאנץ חודש אלול, וואס דאס איז מער התעוררות ווי בלאזן שופר, דעריבער האבן זיי זיך באגענוגנט מיט סליחות, אבער מיר יוצאי אשכנז וואס מיר פירן זיך ווי דער רמ"א נישט צו זאגן סליחות פירן זיך יא צו בלאזן גאנץ חודש אלול.

אפילו אין חסיד'ישע מקומות האט מען געקענט זעהן פארשידענארטיגע מנהגים איבער דעם ענין, אין קאצק איז געווען איינגעפירט אז מען האט נישט געבלאזן מיטן שופר אין חודש אלול.

ווערט טאקע דערציילט אז ווען דער הייליגער **קאצקער רבי הגה"ק רבי מנחם מענדל זצ"ל** איז נפטר געווארן זענען די חסידים געפארן צום **גערער רבי בעל חידושי הרי"ם זצ"ל**, און זיי האבן פון אים מקבל מרות געווען, האט ער זיי געהייסן משנה זיין פון זייער ביז איצטיגע מנהג, און מען זאל יא בלאזן גאנץ חודש אלול.

די מעשה ווי אזוי דער **חידושי הרי"ם זצ"ל** האט געהייסן די חסידים משנה זיין פון זייער מנהג, האט דערציילט רבי בונם משמש ע"ה אז אין די ערשטע תקופה ווען דער **חידושי הרי"ם** איז געקומען משמש ברבנות זיין אין גור איז ער אמאל געגאנגען מיט אים אין מקוה אין חודש אלול.

ווען ער איז ארויסגעקומען צו גיין אין מקוה האט ער געהערט פון בית המדרש א הויכן קול תפלה אבער ווען ער איז צוריק געקומען האט ער דאס שוין נישט געהערט, האט זיך דער **חידושי הרי"ם** אנגערופן צום משמש רבי בונם "ווי עס זעהט מיר אויס האבן זיי שוין געענדיגט דאווענען, אבער כ'האב נישט געהערט שופר בלאזן נאכן דאווענען". און ער האט אים באפוילן צו גיין געוואויר ווערן אויב זיי האבן נישט פארגעסן צו בלאזן שופר, ער איז געגאנגען און ער האט טאקע געזעהן אז זיי האבן נישט געבלאזן שופר, אזוי ווי זיי זענען געווען געוואוינט פון קאצק.

צוריק קומענדיג צום **חידושי הרי"ם** האט ער גארנישט געזאגט, נאר ער האט געשמייכלט ווי צו זאגן אז זיי האלטן זיך ביי זייער מנהג אז מען בלאזט נישט קיין שופר אין חודש אלול, און דער **חידושי הרי"ם** האט פארשטאנען אז זיי האבן טאקע נישט געבלאזן שופר, איז ער געווארן זייער צוקאכט, און ער האט אים געזאגט:

"גיי זאג זיי אז זיי זאלן בלאזן שופר! זיי דארפן דאך פארשטיין אז אויב וואלט געווען דער רצון ה' אז די פריערדיגע הנהגה זאל ווייטער אנהאלטן, פארוואס האבן זיי דען גענומען דעם מנהיג?".